# אידישער רעליגיעזער וועלט

## הרב דר. יוסף בער סאָלאָווייטשיק באַשטימט אין דער שחיטה־קאָמיטע פון אַגריקולטור מיניסטעריום

עס איז לעצטענס באַקאַנט געוואָרן, אַז עזרא בענסאָן, סעקרעטערי אוו אַגריקאַלטשור פון די פאַראייניגטע שטאַטען, האָט באַשטימט דעם באַרימטען גאון און געלערנטען הרב דר. יוסף בער סאָלאָווייטשיק אין דער שחיטה־קאָמיטע פון אַגריקולטור־מיניסטעריום אַלס דעם פאַרטרעטער פון דער אידישער געמיינדע אין אַמעריקע.

אַט־די שאַפונג פון אַ ספּעציעלער שחיטה־קאָמיטע ביים אַגריקולטור מיניסטעריום איז אַרויסגעוואַקסען פון דעם גרויסען קאַמף אין די לעצטע יאָרען אַרום דער פראַגע פון שאַפען אַ געזעץ אין אַמעריקע וואָס די „צער בעלי־חיים סאָסאַיעטס האָבען געפאָדערט. די אידען זיינען געווען געגען אַזאַ געזעץ די גאַנצע צייט. געגען אַ געזעץ וואָס זאָל זיין גוט אפילו אויך פאַר די אידען. די אידען האָבען געהאַלטען, אַז דער בעסטער שחיטה־געזעץ איז דאָך ניט גלייך „צו ניט קיין שחיטה־געזעץ אינגאַנצען". ווייל אין אַ געזעץ קאָן מען אַלעמאָל מאַכען אַלערליי אַריינטייטשונגען און עס קאָן דאָך, חס ושלום, קומען אַ טאָג וואָס דער געזעץ זאָל דאָך ניט זיין גוט פאַר אידען.

לעצטען יאָר איז אָבער יאָ דורכגעגאַנגען דער שלאַכט־געזעץ אין קאָנגרעס, אין ביידע הייזער, אָבער



דר. יוסף בער סאָלאָווייטשיק

מיט פאַרזיכערונגען פאַר דער אידישער רעליגיעזער שחיטה.

אָבער ווי געזאָגט: זיינען די אידישע אָרגאַניזאַציעס אין פּרינציפּ ניט אינגאַנצען צופרידען פון דעם אָנגענומענעם געזעץ. אויך די „צער בעלי־חיים סאָסייעטיס" זענען אויך ניט אינגאַנצען צופרידען פון דעם געזעץ, ווייל דער אָנגענומענער געזעץ האָט אַריינגענומען פאַרשיידענע באַוואָרענישען. און די באַוואָרענישען זיינען נאָר פאַר די שלאַכט הייזער, וואָס שעכטען בהמות פאַר דעם פעדעראַלען געברויך. די שלאַכט־הייזער, וואָס שלאַכטען ניט פאַר דער רעגירונג, זיינען ניט אינגאַנצען אונטערוואָרפען אונטער דעם געזעץ.

ווי באַקאַנט, איז דער אַגריקולטור מיניסטעריום אַליין געווען דער גרעסטער געגנער פון אַזאַ שלאַכט־געזעץ און צוליב זיינע אייגענע טעמים.

אָבער היינט־צו־טאָג איז דאָך אַ פאַקט, אַז אַזאַ געזעץ, איז יאָ פאַראַן. אָבער ווי געזאָגט, זיינען דאָך פאַראַן געפאַרען, אַז עס זאָלען ניט פאָרקומען פון צייט צו צייט קיין קאָמפּליקאַציעס און שוועריגקייטען פאַר די פאַרשיידענע פאַראינטערעסירטע צדדים אין דער שחיטה פראַגע. און כדי ניט צו פאַראורזאַכען קיין שטרייטען צווישען די פאַרשיידענע צדדים, האָט דער אַגריקולטור מיניסטער, עזרא בענסאָן, געשאַפען אַ ספּעציעלע קאָמיטע, מיט וועלכער ער זאָל זיך באַראַטען ווען שחיטה־פּראָבלעמען וועלען אויפקומען.

עס איז געווען אַ פאַרשטענדליכע זאַך, אַז אַ אידישער פאַרטרעטער זאָל אויך זיין אין דער קאָמיטע. און דעריבער האָט עזרא בענסאָן געבעטען די אידישע אָרגאַניזאַציעס, אַז זיי זאָלען אים צושטעלען אַ פאַרטרעטער פאַר זיין קאָמיטע.

אַ סך אידישע אָרגאַניזאַציעס האָבען, אויסער דער וויכטיגקייט פון דעם אַמט פאַר דער פאַרזיכערונג פון דער אידישער שחיטה, אויך געזעהן אין דעם אַמט אַ פראַגע פון אַ גאָר בכבוד׳יגער „עליה", און דעריבער זיינען געווען אויף דעם אַמט אַ סך בעלנים...

אַ קליינעקייט, צו זיצען אין איין קאָמיטע מיט אַ מיניסטער! און רעדצו נאָך מיט אַן אַמעריקאַנער מיניסטער!

נו, האָבען זיך די אידישע אָרגאַניזאַציעס ניט געקענט אייניגען אויף איין קאַנדידאַט. און עס זיינען צוגעשטעלט געוואָרען צום אַגריקולטור מיניסטעריום אַ ליסטע פון קאַנדידאַטען. דאָס לעצטע וואָרט אין דעם, פאַרשטעהט זיך, האָט אָבער געהאַט דער אַגריקולטור מיניסטער אַליין.

גלייכצייטיג, פאַרשטעהט זיך אויך, האָט ניט אַבי ווער געקענט זיין אין דער קאָמיטע. נאָך אַלעמען דאַרף דאָך דער אידישער פאַרטרעטער אין דער קאָמיטע זיין אַזעלכער, וואָס פאַרשטעהט זיך אין די דינים פון שחיטה. און ווער פאַרשטעהט געוועהנליך אין די דינים פון שחיטה? — אַ רב, אַ למדן. נו, זיינען די אַנדערע קאַנדידאַטען אויך געווען רבנים לומדים. און דער סעקרעטערי בענסאָן, דער קריסט, האָט עס געדאַרפט באַשליסען וועלכער רב עס איז דער בעסטער למדן־קאַנדידאַט פאַר דעם שחיטה קאָמיטעט.

און בענסאָן האָט אויסגעקליבען הרב דר. יוסף בער סאָלאָווייטשיק אַלס דעם פּאַסיגען קאַנדידאַט. אין דעם פאַל האָט דער „גוי" גוט געטראָפען, גאָר גוט!

און מיר דאַרפען דאָ ניט פאָרשטעלען ווער הרב יוסף בער סאָלאָווייטשיק איז. אַז דער גוי׳אישער אַגריקולטור מיניסטער האָט געוואוסט, מעגען מיר אָננעמען, אַז די אידישע לעזער פון „פאָרווערטס" ווייסען זיכער ווער הרב סאָלאָווייטשיק איז. און טאָמער זיינען נאָך פאַראַן עטליכע אידען, וואָס ווייסען ניט, טאָ זאָלען זיי זיך אָנפרעגען ביים אַגריקולטור מיניסטער.

פאָרווערטס, אויגוסט 20, 1959